בס"ד
בהר בחקותי תשפ"ג
גליון 140

# דעם רבינ'ס ליכט



אַײערע קינְדֶער זָאלְט איר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַ גוּט שַׁבָּת פַּאר אַלֶע אִידְן

די וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, רֶעדְט די תּוֹרָה וֶועגְן א אִיד וָואס אִיז נֶעבֶעךְ גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן און הָאט זִיךְ פַּארְקוֹיפְט פַּאר אַ קְנֶעכְט, וֶוען עס קוּמְט יוֹבֵל גֵייט עֶר אַרוֹיס פְרַיי, ווייל "כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים עֲבָדַי הֵם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם".

פַּאר מִיר בְּרֶענְגֶען אַ דִּבּוּר פוּן ר' נָתָן וָואס עס מֵיינְט אַ קְנֶעכְט וֶועלְן מִיר כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר אִין שְׁטָאט בָּארְגֶערִיסְקִי...

"וֶוער וויל בָּארְגְן גֶעלְט?" הָאט זִיךְ גֶעלַיינְט אוֹיף די מוֹדָעוֹת, וָואס זֶענֶען צֶעשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אִיבֶּער די גַאסְן פוּן שְׁטָאט. אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער הָאבְּן גֶעלַיינְט מִיט נַייגֶער, 'וָואס אִיז פְּשַׁט? וֶוער הָאט גֶעלְט? וֶוער פַּארְבָּארְגְט גֶעלְט?'

וֶוען מֶען הָאט נֶענְטֶער צוּגֶעלַייגְט די אוֹיגְן צוּ די מוֹדָעוֹת הָאט מֶען קְלָאר גֶעזֶען שְׁטֵיין גֶעשְׁרִיבְּן אַז דֶער עוֹשֶׁר פוּן שְׁטָאט, ר' גֶעצְל, הָאט גֶעעֶפְנְט אַ נַייעֶ גְּמִילוּת חֶסֶד וואוּ מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט בַּאקוּמֶען הַלְוָאוֹת. מֶען בְּרוֹיךְ נִישְׁט קֵיין עֲרֵבִים און אוֹיךְ זֶענֶען די צָאלוּנְגֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער.

די שְׁמוּעָה הָאט זִיךְ צֶעשְׁפְּרֵייט פוּן מוֹיל צוּ אוֹיעֶר ווי אַ ווילְדֶע פַייעֶר. "הָאסְט גֶעהֶערְט? ר' גֶעצְל טֵיילְט גֶעלְט!"



"וָואס? וואוּ? וויפִיל גֶעלְט מֶען וויל?"

"כְ'גְלֵייבּ אַז ס'הָאט אַ סִיסְטֶעם. מְ'קֶען נִישְׁט נֶעמֶען גֶעלְט אִין די וֶועלְט אַרֵיין – סְ'אִיז אַן הַלְוָאָה."

"אוּהַא! אִיךְ זָאג דִיר, סְ'אִיז אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט. מֶען דַארְף זִיךְ אַרוֹיפְכַאפְּן אוֹיף דֶעם."

בְּקִיצוּר, בִּיז עֶטְלִיכֶע מִינוּט אִיז שׁוֹין ר' גֶעצְל'ס שְׁטוּב בַּאלַאגֶערְט גֶעוָוארְן מִיט אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטָאט. יֶעדֶער אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מִיט שְׁפַּאנוּנְג און גֶעוַוארְט צוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶענוּמֶען דוּרְךְ ר' גֶעצְל.

"אַ גוּטְן, וָואס אִיז אֵייעֶר נָאמֶען?" הָאט ר' גֶעצְל גֶעפְרֶעגְט פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן אִין די רֵייעֶ.

"אַבְרָהָם צִימְשׁוּנָאווִיטְשׁ."

"וויפִיל גֶעלְט בְּרוֹיכְט אִיר הָאבְּן?"

"אִיךְ מַאךְ חֲתוּנָה דְרַיי קִינְדֶער אִין די קוּמֶענְדִיגֶע הַאלְבֶּע יָאר. אִיךְ נוֹיטִיג זִיךְ און אַ רִיזִיגֶע הַלְוָאָה.

"ר' אִיד, אִיר דַארְפְט מִיר נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן וָואס אִיר ווילְט טוּן מִיט דָאס גֶעלְט, אַלֶעס וָואס אִיךְ בְּרוֹיךְ ווִיסְן אִיז, וויפִיל אוֹיסצוּשְׁטֶעלְן דֶעם טְשֶׁעק.

שְׁטִיל. ר' אַבְרָהָם פַארְלִירְט זַיין לָשׁוֹן, עֶר אִיז נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ הֶערְן אַזַאנְס...

"נוּ, עֶס וַוארְט אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם אִינְדְרוֹיסְן. אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ לַאנְגֶער טָאג הַיינְט. וויפִיל גֶעלְט בְּרוֹיכְט אִיר הָאבְּן?"

"הֶמְמְמְ... הוּנְדֶע--רְ-ט טוֹיזְ--עֶנְט דָאלְ--עֶר!" הָאט ר' אַבְרָהָם מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּשְׁטַאמְלֶען.

"אָקֶעי, דָא הָאט אִיר דֶעם טְשֶׁעק. אָבֶּער גֶעדֶענְקְט,

המשך קומענדיגע זייט

המשך פון זייט 1

דָא שְׁטֵייט דער טֶערְמִין ווען מֶען בְּרוֹיךְ קוּמֶען בַּאצָאלְן.״ ר׳ גֶעצְל דֶערְלַאנְגְט אִים אַ שְׁטַר אוּן גֶעוויזְן דֶעם דַאטוּם וֶוען דָאס גֶעלְט דַארְף אָפְּגֶעבְּרֶענְגְט וֶוערְן.

אוֹיךְ ר׳ בֶּערְל, ר׳ שַׁמַּאי, ר׳ שָׁלוֹם אוּן נָאךְ טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַרִיבֶּער ר׳ גֶעצְל אוּן בַּאקוּמֶען דֶעם זֶעלְבְּן בַּאהַאנְדְלוּנְג.

ר׳ אַבְרָהָם קוּמְט אַהֵיים גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן. עֶר גְרֵייט זִיךְ אוֹיף דִי חֲתוּנָה מִיט אַ פְּרֵיילִיכֶע גֶעמִיט. זַיין פְּרוֹי גֵייט אַרוּם אַייִנְקוֹיפְן שְׁטָאפִיר. מֶען בַּאשְׁטֶעלְט אַ חֲתוּנָה-זַאל אוּן קֶעיטֶערִינְג. אוֹיךְ פַארְן גְרוֹיסְן שַׁבָּת אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט אַלֶע הֲכָנוֹת אַרוּם.

די קוּמֶענְדִיגֶע הַאלְבֶּע יָאר אִיז אַדוּרְכְגֶעלָאפְּן אִין אַן אוֹיגְנְבְּלִיק וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה טַאנְצְט פוּן אֵיין חֲתוּנָה צוּם צְוֵוייטְן. דִי פָּארְפֶעלְקֶער זֶענֶען זִיךְ יֶעדֶער אַהֵיים צוּ זֵייעֶר וואוֹינוּנְג גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן אוּן דֶער טֶערְמִין פוּן בַּאצָאלְן הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט, שְׁנֶעלֶער ווִי ר׳ אַבְרָהָם הָאט זִיךְ גֶערָאכְטְן. אַ פֶּעני [קליין מטבע] פוּן וואוּ צוּ בַּאצָאלְן אִיז נִישְׁטָא. ר׳ אַבְרָהָם דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אָן קַיין קָאפּ. פוּן וַואנֶעט וֶועט עֶר נֶעמֶען צוּ בַּאצָאלְן דֶעם פַאנְטַאסְטִישְׁן סוּמֶע? עֶר שֶׁעמְט זִיךְ צוּ קוּקְן ר׳ גֶעצְל אִין פָּנִים.

אוֹיךְ ר׳ גֶעצְל וֶוערְט אוּמְרוּאִיגֶער פוּן טָאג צוּ טָאג. עֶר הָאט פַארְבָּארְגְט רִיזִיגֶע סְכוּמִים פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאוויזְן אָפְּצוּגֶעבְּן אֲפִילוּ אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן דֶער הַלְוָאָה. עֶר ווִיל נִישְׁט טְרָאגְן קַיין שְׁוֶוער הַארְץ אוֹיף קֵיינֶעם, אָבֶּער פָּארְט, אַבִּיסְל מֶענְטְשְׁלִיכְקֵייט... 'אַזוֹי' אוֹיסְצוּנוּצְן אַ מֶענְטְש? טְרַאכְט עֶר מִיט פַארְאִיבְּל. טַאקֶע נִישְׁט שֵׁיין אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן אַ מֶענְטְשְׁנְ'ס גוּטְסְקֵייט. בְּרֶענְג כָאטְשׁ עֶפֶּעס... עֶפֶּעס צוּ וַוייזְן אַז דוּ מַאכְסְט זִיךְ צוּטוּן. קוּם זִיךְ כָאטְשׁ פַארְעֶנְטְפֶערְן. קֶענְסְט קוּמֶען בֶּעטְן אָפְּצוּשְׁטוּפְּן דֶער טֶערְמִין. מַאךְ גְרִינְגֶערֶע צָאלוּנְגֶען – דִי מִינִימוּם וָואס דוּ קֶענְסְט, אָבֶּער אַזוֹי זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג צוּ מַאכְן אִיז מַמָּשׁ אַן אוּמְרֶעכְט.

אֵיין ר׳ אַבְרָהָם אִיז פַארְהַאן וָואס זַיין גֶעווִיסְן פַּיינִיגְט אִים. עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אָן קַיין קָאפּ, עֶר מוּז פַאר יֶעדְן פְּרַייז בַּאצָאלְן דֶעם חוֹב, אָבֶּער פוּן וואוּ? עֶר נֶעמְט דִי קוּרַאזְשׁ אוּן גֵייט אַרָאפּ צוּ ר׳ גֶעצְל. עֶר פַארְעֶנְטְפֶערְט זִיךְ טוֹיזְנְט מָאל אוּן פַאלְט אִים צוּ דִי פִיס. ״טֵייעֶרֶער ר׳ גֶעצְל, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיבֶּער,״ ווֵיינְט עֶר. ״אִיךְ הָאבּ אַייךְ בֶּאֱמֶת גֶעווָאלְט בַּאצָאלְן אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר גֶעדְרִיקְט. אֶפְשָׁר קֶען מֶען אָפְּשְׁטוּפְּן דֶער טֶערְמִין פוּן צָאלוּנְגֶען?״ בֶּעט עֶר זִיךְ מִיט טְרֶערְן.

״קוּק אַהֶער ר׳ אַבְרָהָם,״ עֶנְטְפֶערְט ר׳ גֶעצְל, ״וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט מִיר בַּאצָאלְן דַיין חוֹב? מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג אַסַאךְ מֶער ווִי דִיר, אוּן קֵיינֶער מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן,״ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט. דוּ בִּיסְט גֶעווֶען אֶרְנְטְלִיךְ אוּן זִיךְ כָאטְשׁ בַּאוויזְן זִיךְ צוּ אַנְטְשׁוּלְדִיגְן, אַנְדֶערֶע טוּעֶן דָאס אוֹיךְ נִישְׁט. אִיךְ וֶועל דִיר מְוַותֵּר זַיין דֶער חוֹב אָבֶּער אִיךְ ווִיל פוּן דִיר נָאר אֵיין זַאךְ: דוּ זָאלְסְט אַרוּמְגֵיין צוּ דִי אַלֶע בַּעֲלֵי חוֹב אוּן צַאמְנֶעמֶען פוּן זֵיי דָאס גֶעלְט. דֶערְפוּן וֶועל אִיךְ הָאבְּן פִיל מֶער רֶוַח ווִי וֶוען דוּ וֶועסְט מִיר אָפְּגֶעבְּן נָאר דַיין חוֹב.״ דֶערְבֵּיי הָאט אִים ר׳ גֶעצְל גֶעגֶעבְּן אַ גַאנְצֶע בִּינְטְל מִיט שְׁטָרוֹת וואוּ עֶס אִיז פּוּנְקְטְלִיךְ פַארְצֵייכְנְט וֶוער אוּן וויפִיל מֶען אִיז אִים שׁוּלְדִיג.

ר׳ אַבְרָהָם אִיז אִיבֶּערגְלִיקְלִיךְ אַז ר׳ גֶעצְל אִיז מְוַותֵּר אוֹיפְן רִיזִיגְן חוֹב. עֶר דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן שֵׂכֶל זִיךְ צוּ קוּמֶען בַּאוַוייזְן פַארְן עוֹשֶׁר בַּאצַייטְנְס. אוּן פְלֵייסִיג הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דֶער אַרְבֶּעט. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן מֶענְטְשׁ צוּ מֶענְטְשׁ אוּן אָפְּגֶעבֶּעטְן דִי חוֹבוֹת. וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט

המשך אויף די לעצטע זייט

# אײן אמשה'לע



*דער באַשעפער באַװײַזט װוּנדער*
*פאַר זײַנע ליבע קינדער*

אַ גוּטְן, מֵיין נָאמֶען אִיז נַחְמָן. אִיךְ וִויל פַּארְצֵיילְן פַאר דִי לֵיינֶער פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט אַ הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ בַּייגֶעוואוֹינְט דָאס יָאר ל"ג בָּעֹמֶר תשפ"ג:

דָאס יָאר ל"ג בָּעֹמֶר הָאבְּן מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ חַאלַאקֶען אוּנְזֶער קְלֵיינֶער בְּרוּדֶער'ל. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעדִינְגֶען אַ דִּירָה אִין אַ דָארְף נֶעבְּן מִירוֹן וָואס עֶס נֶעמְט צוּ גֵיין בְּעֶרֶךְ אַ שָׁעָה בִּיז צוּם צִיּוּן פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן. מִיט אַ קַאר נֶעמְט עֶס נָאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט, אָבֶּער אִין דִי טֶעג פַאר ל"ג בָּעֹמֶר אוּן נָאכְדֶעם לָאזְט מֶען נִישְׁט אַרוּיף קַיין קַארְס.

מֵיין טַאטֶע אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען זֵייעֶר פְּרִי צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט מִיטְן נֵץ מִנְיָן אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֵיין הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט אַז דֶער זֵייגֶער לוֹיפְט שְׁנֶעלֶער וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ גַאס נָאךְ אַ גַאס וֶוען עֶס וֶוערְט נָאר נֶענְטֶער צוּם נֵץ, בִּיז עֶר הָאט גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אַז סְ'אִיז כִּמְעַט אוּמְמֶעגְלִיךְ אָנְצוּקוּמֶען בַּאצַייטְנְס קַיין מִירוֹן.

מֵיין טַאטֶע אִיז פָּארְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער. מִיט זַיינֶע אוֹיגְן זֶעט עֶר נִישְׁט קַיין וֶועג אָנְצוּקוּמֶען קַיין מִירוֹן פַארְן נֵץ אָבֶּער תְּפִלָּה קֶען עֶר דָאךְ מַאכְן. הָאט עֶר מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן צוּ קֶענֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג דַאוֶוענֶען מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט. וִוי עֶר שְׁפַּאנְט אַ טְרִיט נָאךְ אַ טְרִיט, פַּארְזִינְקֶען אִין זַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, וֶוערְט עֶר פְּלוּצְלוּנְג אִיבֶּערַאשְׁט. אַ אִיד פוּן דֶעם דָארְף מִיט אַ נֵייעֶם טֶענְדֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ גְלַייךְ אָפּ נֶעבְּן אִים אוּן פְרֶעגְט מֵיין טַאטְן: "בִּיז וואוּ ווִילְסְטוּ אָנְקוּמֶען?"

"וואוּ וִויל אַ אִיד יֶעצְט גֵיין?" זָאגְט אִים מֵיין טַאטֶע, "צוּם נֵץ מִנְיָן אִין מִירוֹן נֶעבְּן צִיּוּן!"

"אָקֶעי," זָאגְט דֶער אִיד, "מֶען גֵייט פְּרוּבִּירְן וואוּ נֶענְטֶער מֶען קֶען פָארְן!"

מֵיין טַאטֶע זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין קַאר אוּן וַיִּסָּעוּ, מֶען הֵייבְּט אָן צוּ פָארְן. מֶען קוּמְט אָן צוּ אַ פָּאלִיצֵיי בְּלַאקִירוּנְג "פָאר צוּרִיק!" קוּמְט דֶער בַּאפֶעל. מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט אַרִיבֶּער, מֶען הֵייסְט אִים פָארְן אוֹיף רֶעכְטְס - דִי פַארְקֶערְטֶע זַייט פוּן מִירוֹן. דֶער אִיד גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף. עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַבִּיסְל וַוייט פוּן דִי אוֹיגְן פוּן דִי פָּאלִיצֵיי הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיק אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן זָאגְט פַאר דִי חֶבְרָה: "אִיךְ הָאבּ דָא אַ גְרוֹיסְן רָב אִין מַיין אוֹיטָא עֶר דַארְף זֵייעֶר וִויכְטִיג אָנְקוּמֶען אִין דָארְף!"

אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, מֶען הָאט אוֹיפְגֶעמַאכְט דֶעם טוֹיעֶר פַאר זֵיי! מֶען אִיז וַוייטֶער גֶעפָארְן בִּיז מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ צְוֵוייטְן אָפְּשְׁטֶעל. וִוידֶער זָאגְט עֶר דָאס זֶעלְבִּיגֶע, אָבֶּער דִי חֶבְרָה הָאבְּן נִישְׁט געהַאלְטְן בַּיים אוֹיסְהֶערְן וָואס עֶר הָאט צוּ זָאגְן. עֶר הָאט זִיךְ גע'טַעֲנֶה'ט אַז מֵיין טַאטֶע הָאט נָאר גֶעוָואלְט אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן אוֹיטָא אוּן גֵיין צוּפִּיס אָבֶּער עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר בְּלַייבְּט יָא, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר יָא קֶענֶען שְׁפָּארְן אַבִּיסְל צַייט.

## אײן אַמעשה'לע

המשך פון זייט 3

און ווידער האָט דער אויבערשטער געהאָלפן און מען האָט אויפגעמאַכט דעם טויער פאַר אים. אַזוי האָט דער איד מצליח געווען אריבער צו פאָרן עטליכע בלאָקירונגען, יעדעס מאָל מיט אַן אַנדערן אויסרייד. ווען מיין טאַטע האָט געזאָגט פאַר דעם איד: "ר' איד, איר האָט אַסאַך עזות דקדושה!"

"ניין, עס איז נישט עזות, עס מוז גיין מיט הכנעה!" האָט דער איד געזאָגט, מיינענדיג הכנעה פאַרן אויבערשטן.

מיט אָט די 'הכנעה' זענען זיי אָנגעקומען ממש אין דאָרף אַריין! מיין טאַטע האָט געמיינט אַז דאָס איז עס, ער האָט געטראַכט אַז מען גייט שוין זוכן אַ פּלאַץ אָפּצושטעלן דעם טענדער, אָבער ניין, דער איד איז נאָכנישט צופרידן אַז ער געפינט זיך שוין אויף שזיפרון גאַס!

"מען קען נאָך פאָרן נענטער," זאָגט דער איד. מיר זענען אָנגעקומען ביז צום פּאַרקינג וואו די באָסעס קומען אָן אינמיטן יאָר - אונטער דער בנין פון חסד לאברהם, אַנטקעגן די דירות פון הרב שטערן, דאָרטן וואו עס זענען איצט געשטאַנען נאָר אַמבולאַנסן, אָבער דער איד טענה'ט אַז עס געפינט זיך אַ חשוב'ער רב אין זיין אויטאָ, ווען ער בעט מיין טאַטן זאָל זיין דער רב לצורך הענין.

אַזוי איז מיין טאַטע אָנגעקומען קיין מירון אין צען מינוט, געקענט דאַווענען מיט אנשי שלומנו און פּראַווען די רקודי קודש אינאיינעם.

איך וויל צולייגן איין וויכטיגע נקודה צו די מעשה, אַז אַזוי ווי מיר זענען געווען צוויי טעג אין דעם דאָרף, איז אויסגעקומען עטליכע מאָל צו גיין אָט דעם לאַנגן וועג און ניין, נישט יעדעס מאָל איז געווען אַזאַ נס. רוב מאָל האָבן מיר זוכה געווען צו גיין לאַנגע שטרעקעס צופּיס און זיך געפרייט מיט דעם אַז עס איז אַ ספּעציעלע תיקון צו גיין צום צדיק. מען זעט וואו ר' נתן רעדט אַזויפיל אַרום איבער די גרויסקייט פון גיין צופּיס צו אַ רבי, אָבער אַ שטראַל פון ליכטיגקייט ווען מען ווייזט דעם מענטש אַמאָל פון הימל אַז מען האָט אים אינזין גיבט דאָס חיזוק אויף אַלע מניעות וואָס מען האָט אָנצוקומען צום צדיק.

## מעשה רבי שמעון

איך וויל דערציילן אויף די מעשה פון ר' שמעון בר יוחאי, עס איז שוין טאַקע נאָך ל"ג בעומר אָבער מען קען זיך נאָכאַלץ פרייען, מיר זענען נאָך אין די טעג פון ספירת העומר.

איך וויל זאָגן די זכיה וואָס איך האָב געהאַט צו באַקומען אַ טהרה און אַ קדושה פון רבי שמעון, די געוואַלדיגע תפלה וואָס ר' נתן האָט געשריבן אויף רבי שמעון האָט מיר אַריינגעברענגט אַ וואונדערליכער געשמאַק אין דעם ל"ג בעומר וואָס מען קען נישט אַרויסשרייבן, און בזכות דעם האָב איך מצליח געווען אָנצוקומען קיין מירון זייער גרינג און געדאַווענט אַלע מיינע תפלות און זיכער אויסגע'פועל'ט בזכות התנא אלוקי, בזכות כל הצדיקים אמתיים.

איך וויל נאָר צולייגן אַז ווי באַקאַנט איז דער הייליגער אור החיים ז"ל געקראָכן אויף זיינע הענט און פיס אָנצוקומען קיין מירון, אַזוי דאַרפן מיר זיך אויך אַביסל אָנשטרענגען אַרויפצוגיין צו רבי שמעון'ס קבר.

**מרדכי'לע**

# פאראייניגט

אַ רַייכֶע פָּאַרְפָּאלְק הָאבְּן גֶעוואוינְט אִין דֶער שְׁטָאט צִידוֹן. זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע, גוּטֶע לֶעבְּן; אַ הֶערְלִיכֶער הוֹיז מִיט אַ גָארְטְן, גוּטֶע שְׁטַארְקֶע פֶערְד מִיט אַ טֵייעֶרְן וָואגְן. עֶס הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט, נָאר אֵיין זַאךְ. וָואס הָאט זֵיי טַאקֶע גֶעפֶעלְט? אֶפְשָׁר אַ וַואסֶער-פָאל? אָדֶער אַ טַייעֶרֶע קַאר וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט דֶעמָאלְט גֶעוֶוען צוּ קוֹיפְן? נֵיין. זֵיי הָאבְּן נֶעבֶּעך נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. זֵיי וואוֹינֶען שׁוֹין אִין דֶעם שֵׁיינֶעם הוֹיז מֶער פוּן צֶען יָאר אוּן דִי וֶוענְט זֶענֶען נָאכְנִישְׁט צֶעקְרִיצְט, סְ'אִיז נִישְׁט שְׁמוּצִיג, סְ'אִיז נִישְׁטָא וֶוער סְ'זָאל פַארְשְׁמִירְן דִי בֶּענְקְלֶעך!

אַזוֹי וִוי אִין דֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט אַז וֶוען אַ פָּארְפָּאלְק וואוֹינֶען צוּזַאמֶען צֶען יָאר אוּן הָאבְּן נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער דַארְפְן זֵיי זִיךְ גֶטְ'ן, אִיז דֶער מַאן גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, אַז עֶר ווִיל זִיךְ גֶטְ'ן. זֵיי לֶעבְּן זֵייעֶר אַ פְרַיינְטְלִיכֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן אָבֶּער...

רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס מִיטְלֵייד מִיט זֵיי אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי פָּארְפָּאלְק אַזוֹי: "אִיךְ וִויל אֵייךְ בֶּעטְן אֵיין זַאךְ אוּן אִיר זָאלְט מִיר פָּאלְגְן. אַזוֹי וִוי פַאר צֶען יָאר צוּרִיק וֶוען עֶנְק הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאט אִיר גֶעמַאכְט אַ שֵׁיינֶעם סְעוּדָה אוּן גֶערוּפְן אַלֶע קְרוֹבִים אוּן חֲבֵרִים, ווִיל אִיךְ עֶנְק זָאלְן יֶעצְט אוֹיךְ - פַאר אֵייךְ גֵייעְן זִיךְ צֶעשֵׁיידְן - מַאכְן אַ שֵׁיינֶע רַייכֶע סְעוּדָה."



דָאס פָּארְפָּאלְק הָאט טַאקֶע אוֹיסְגֶעפָאלְגְט דִי וֶוערְטֶער אוּן זִיךְ גְלַייךְ גֶענוּמֶען גְרֵייטְן צוּ אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה צוּ פָאלְגְן דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָּא. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען מַאכְט אַזַא רַייכֶע מָאלְצַייט פֶעלְט דָארְט נִישְׁט קֵיין וַויין, דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶען אוּן דֶעם מַאן הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעשׁוֹינְט דִי גְלֶעזְלֶעך אוּן הָאט מֶער וִוי נָאר פַארְזוּכְט פוּן דִי גוּטֶע וַויינֶען אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן בְּגִלוּפִין. זַיין שְׁטִימוּנְג הָאט זִיךְ גֶעהוֹיבְּן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ פוּס הֶעכֶער פוּן דֶער עֶרְד פוּן גְרוֹיס פְרֵייד. עֶר גֵייט צוּ זַיין וַוייבּ אוּן זָאגְט: "הֶער זִיךְ צוּ מַיין חָשׁוּבֶ'ע וַוייבּ, פַאר מִיר גֵייעְן זִיךְ גֶטְ'ן בִּין אִיךְ גְרֵייט דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְקְלַייבְּן דָאס בֶּעסְטֶע זַאךְ פוּן אוּנְזֶער שְׁטוּב, אוּן דוּ קֶענְסְט עֶס אַהֵיימְנֶעמֶען מִיט דִיר בַּיי דַיין טַאטְן אִין שְׁטוּב, אוּן מָארְגְן וֶועט מֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן עֶרְלֶעדִיגְן דֶעם גֶט."

דֶער אִינְגֶערְמַאן פוּן גְרוֹיס בִּיטֶערְנִישׁ אַז עֶר גֵייט פַארְלִירְן אַ וַוייבּ, הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶען מִיט נָאךְ אַ כּוֹס וַויין [וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פוּן פַארְבִּיטֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס שִׁיכּוֹרְ'ן זִיךְ אָן צוּ פַארְגֶעסְן פוּנֶעם

מְציאוּת] און וִוידֶער טְרִינְק עֶר נָאךְ אַ גְלֶעזְל בִּיז עֶר אִיז גֶעפַאלְן אִין חַלָשוֹת, קוים וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעשְׁלֶעפְּט צוּ אַ בֶּעט און אַנִידֶער גֶעפַאלְן אויפְן בֶּעט אִין אַ טִיפֶער שְׁלָאף.



דִי פְּרוֹי הָאט אויסְגֶענוּצְט דִי גֶעלֶעגְנְהַייט און בַּאפוילְן אִירֶע קְנֶעכְט זָאלְן שְׁטַייטְלִיך אויפְהֵייבְּן דָאס בֶּעט און אַרִיבֶּער פִירְן צוּ אִיר טַאטֶעס שְׁטוּבּ, וֶוען דֶער מַאן שְׁלָאפְט אַזוֹי טִיף. דִי קְנֶעכְט הָאבְּן אויסְגֶעפָאלְגְט אִיר בַּאפֶעל וֶוען זִי בַּאגְלֵייט זֵיי בִּיז אִיר טַאטֶעס שְׁטוּבּ. וֶוען דֶער מַאן הָאט זִיךְ אויסְגֶענִיכְטֶערְט פוּן דִי וֵויין און קְרַאצְט זַיינֶע אויגְן צוּ זֶען וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, פְרֶעגְט עֶר זַיין וַוייבּ: "מֵיין חָשׁוּבֶ'ע פְּרוֹי וואוּ בִּין אִיךְ פַארְקְרָאכְן? אִין וֶועלְכֶע הויז גֶעפִין אִיךְ זִיךְ?"

"אִין מַיין טַאטְנְס שְׁטוּבּ בִּיזְטוּ," אִיז גֶעוֶוען אִיר אַנְטְוָוארְט.

"אָבֶּער וִוי אַזוֹי קוּם אִיךְ דָא אַהֶער? וָואס זוּךְ אִיךְ דָא אִין דַיין טַאטְנְס שְׁטוּבּ?"

דִי פְּרוֹי מִיט טְרֶערְן אִין דִי אויגְן עֶנְטְפֶערְט: "מַיין חָשׁוּבֶ'ער מַאן, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעפָאלְגְט און גֶעטוּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט נֶעכְטְן בַּיי דִי סְעוּדָה, אִיךְ זָאל מִיר אויסְקְלוֹיבְּן דָאס בֶּעסְטֶע זַאךְ און דֶערְמִיט אַהֵיימְגֵיין צוּ מֵיין טַאטְן, דֶערִיבֶּער הָאט אִיךְ טַאקֶע דִיךְ אויסְגֶעקְלִיבְּן וַוייל דוּ בִּיסְט דָאס בֶּעסְטֶע און טַייעֶרְסְטֶע זַאךְ".

דֶער מַאן אִיז גֶעבְּלִיבְּן עֶרְשְׁטוֹינְט און פַארְלוֹירְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר זַיין קְלוּגֶע פְּרוֹי. צְוֵויי טְרֶערְן הָאבְּן זִיךְ בַּאוִויזְן אויף זַיינֶע בַּאקְן, עֶר זִיצְט מִיט אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע אויגְן בִּיז וֶוען דִי זוּן הָאט אויפְגֶעשַׁיינְט.

צוּמָארְגְנְס וֶוען דָאס פָּארְפָאלְק זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן און דֶער מַאן הָאט מִיט טְרֶערְן אִין דִי אויגְן דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס הָאט פַּאסִירְט. רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט בַּאקוּמֶען גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אויף דֶער פָּארְפָאלְק און הָאט זֵיי בַּאפוילְן צוּרִיק אַהֵיימְצוּגֵיין וואוינֶען צוּזַאמֶען בְּשָׁלוֹם און הָאט זַיין גֶעגֶעבְּן אַ בְּרָכָה זֵיי זָאלְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא, און רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר זֵייעֶרְט וֶועגְן. זַיין הֵיילִיגֶע תְּפִלָּה אִיז גֶעוָוארְן אָנְגֶענוּמֶען אִין הִימְל און זַיין בְּרָכָה אִיז מְקֻיָּם גֶעוָוארְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב ל"ג בָּעֹמֶר. יֶעדֶער אִיד וואוּ און וִויאַזוֹי עֶר הָאט גֶעפְּרַאוֶועט דֶעם גְרוֹיסְן טָאג הָאט זִיכֶער זִיךְ עֶפֶּעס מֶער דֶערְנֶענְטֶערְט צוּ אָט דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָּא. לָאמִיר זִיךְ נֶעמֶען אֵיין נְקוּדָה און זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער גְרוֹיסֶער תַּנָּא וִויל פוּן אוּנְז מִיר זָאלְן טוּן וֶועגְן אַהֲבַת חֲבֵרִים. דָאס אִיז יֶעצְט אוּנְזֶער אויפְגַאבֶּע וָואס מִיר נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם הֵיילִיגְן טָאג, צוּ זוּכְן וִוי מֶער צוּ זַיין נָאנְט מִיט דִי חֲבֵרִים. אֲפִילוּ אַ אִינְגְל פוּן דַיין חֵדֶר אָדֶער פוּן שׁוּל וָואס דוּ הָאסְט אִים שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג נִישְׁט גֶעגְרִיסְט, אָדֶער עֶס הָאט דִיר נִישְׁט גֶעפַּאסְט צוּ רֶעדְן צוּ אִים, יֶעצְט אִין אִין הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן סְפִירָה וֶוען מִיר

אַרְבֶּעטְן אויף אַהֲבַת חִנָּם, רֶעדְט שַׁיין צוּ דַיין חָבֵר, גֶעבּ אִים אַ גוּט וָוארְט, אַזוֹי אוֹיךְ צְווִישְׁן די גֶעשְׁווִיסְטֶער, רֶעדְט מִיט אֵיין טָאן שְׁטִילֶער. בַּיים שַׁבָּת טִישׁ זוּך אויף עֶפֶּעס אַ גוּטֶע נְקוּדָה אויף דַיין קְלֵיין בְּרוּדֶער / שְׁוֶועסְטֶער וָואס פַּארְפִירְן, און גֶעבּ זֵיי אַ שְׁמֵייכְל.



דֶער עִיקָר אִיז צוּ בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת צוּ קֶענֶען פַּארְמֶערְן לִיבְּשַׁאפְט און שָׁלוֹם בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וואוּ עֶס אִיז נָאר דָא קִבּוּץ פוּן אִידְן זָאל זַיין שָׁלוֹם און די שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועלְן מִיר זִיךְ שׁוֹין קֶענֶען רִישְׁן אויף די גְרוֹיסֶע חֲתוּנָה וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי כַּלָּה וֶועט שׁוֹין קֶענֶען צוּרִיקְגֵיין צוּם אִיר אֱמֶת'ער חָתָן אויף אֵייבִּיג.

ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער אִין אַ שְׁמוּעֶס הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "פַּארְוָואס הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי אַזוֹיפִיל מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין זַיין זַאךְ? וַוייל זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אַהֲבָה צְווִישְׁן זִיךְ!

דֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי זַיין בְּרוּדֶער דֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ, הָאט אִים ר' זוּשָׁא גֶעפְרֶעגְט: "זָאגְט מִיר נָאר מֵיילֶעך, דוּ טוּסְט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, אַזֶעלְכֶע מוֹפְתִים טוּט זִיךְ אָפּ בַּיי דִיר, גֶעוַואלְד אַזֶעלְכֶע פְּלָאִים"?! הָאט אִים דֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "צְווִישְׁן מַיינֶע לַייט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע אַהֲבָה, דֶערְפַאר קֶען אִיךְ טוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן"!

און ר' זוּשָׁא הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֱמֶת, דָאס אִיז טַאקֶע אַזוֹי"!

רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אַזוֹי מַצְלִיחַ גֶעוֶוען - וַוייל אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אַהֲבָה אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן! אַז מֶען וִויל מַצְלִיחַ זַיין - דַארְף זַיין אַהֲבָה, צְווִישְׁן חֲבֵרִים דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַצְלִיחַ!"



**הדפסת הגליון נתנדב**
**ע"י האחים ר' יצחק ור' נחמן ישראל טורעץ**
**לע"נ אביהם ר' מרדכי בן ר' שמואל דוד ע"ה**
~ ~ ~
**הגליון נתנדב ע"י ר' משה קויתי**
**לע"נ ר' צבי בן יצחק מאיר יחיאל הלוי ע"ה**
**יארצייט כ"ה אייר**

# ~ די דְרַייצְנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## 6 דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס




**דֶעם פִּיפְטִין טָאג. זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען.** הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דֶעם בֶּעטְלֶער וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ הוֹיקֶער. אוּן זֵיי הָאבִּין זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט וִוי נֶעמְט מֶען אַהֶער דֶעם בֶּעטְלֶער דֶעם הוֹיקֶער. וָוארִין אַז עֶר זָאל דָא זַיין וָואלְט מֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען.

**אִין דֶעם קוּמְט עֶר אָן. אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא.** אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אֵייךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָה. אוּן אִיז זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין. אוּן הָאט זֵי גִיהַאלְזְט אוּן גִיקוּשְׁט. אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט.

**פְרִיר הָאבּ אִיךְ אֵייךְ גִיבֶּענְטְשְׁט** אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ [אֵייךְ] דְרָשָׁה גִישַׁאנְק. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ. אוּן אִיךְ בִּין גָאר קֵיין הוֹיקֶער נִיט. אַדְרַבָּא. אִיךְ הָאבּ אַזוֹינֶע פְּלֵייצֶעס. וָואס זֵיי זֶענֶען מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה אוּן אִיךְ הָאבּ דְרוֹיף אֵיין הַסְכָּמָה.

**וָוארִין אַמָאל אִיז גִיוֶוען אֵיין שְׁמוּס** וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבִּין זִיךְ בַּארִימְט מִיט דֶער זַאךְ. אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר הָאט דִי זַאךְ פוּן מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה (כְּלוֹמַר אַ קְלֵיין אָרְט זָאל הַאלְטִין פִיל) הָאט מֶען פוּן אֵיינֶעם גִילַאכְט.

**אוּן דִי אִיבְּרִיקֶע וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ בַּארִימְט.** מִיט דֶער זַאךְ פוּן מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. זֶענֶען יוֹא גִיפֶעלִין. אָבֶּער מַיין מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. אִיז גְרֶעסֶער פוּן זֵיי אַלֶע.

**וָוארִין אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט זִיךְ בַּארִימְט** אַז זַיין מוֹחַ אִיז אַ מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָוארִין עֶר טְרָאגְט אוֹיף זַיין מוֹחַ אֲלָפִים וּרְבָבוֹת מֶענְטְשְׁן. מִיט גָאר זֵייעֶר הִצְטַרְכוּת מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע הַנְהָגוֹת מִיט גָאר זֵייעֶרֶע הֲוָויוֹת מִיט זֵייעֶרֶע תְּנוּעוֹת. טְרָאגְט עֶר דָאס אַלְץ. גָאר אוֹיף זַיין מוֹחַ. אִיז עֶר זִיךְ אַ מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה.

**וָוארִין אַ שְׁטִיקִיל מוֹחַ זָאל אוֹיף זִיךְ טְרָאגִין אַזוֹי פִיל** מֶענְטְשְׁן מִיט גָאר זֵייעֶר הִצְטַרְכוּת וְכוּ' (דְרוּם הֵייסְט עֶר אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה דְהַיְינוּ אַ שְׁטִיקִיל אָרְט הַאלְט אוֹיף זִיךְ אוּן טְרָאגְט אַזוֹי פִיל דְהַיְינוּ דָאס שְׁטִיקִיל מוֹחַ טְרָאגְט אַזוֹי פִיל מֶענְטְשְׁן מִיט גָאר זֵייעֶרֶע זַאכִין וְכוּ' כַּנַּ"ל)

**הָאט מֶען אוֹיס אִים גִילַאכְט.** אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ דָארְט אָנְגִירוּפִין. דוּ בִּיסְט נִישְׁט. אוּן דַיינֶע לַייט זֶענֶען נִישְׁט. הָאט זִיךְ אֵיינֶער אָנְגִירוּפִין אוּן הָאט גִיזָאגְט. אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן אַזוֹי אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה.

**וָוארִין אַמָאל בִּין אִיךְ פִיר גִיגַאנְגֶען.** פַאר אַ בַּארְג. הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן. סֶע אִיז אוֹיף דֶעם בַּארְג גִיוֶוען זֵייעֶר אַסַאךְ מִיסְט אוּן טִינוּף. אִיז. בַּיי מִיר אַ חִידוּשׁ גִיוֶוען. פוּן וַואנֶעט קוּמְט אוֹיף דֶעם בַּארְג. אַזוֹי פִיל מִיסְט אוּן טִינוּף. אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבִּין דֶעם בַּארְג.

**הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גִיזָאגְט.** דָאס אִיז אַלְץ פוּן מִיר. וָוארִין עֶר אִיז דָארְט גִיזֶעסִין לֶעבִּין דֶעם בַּארְג. הָאט עֶר אַלְץ גִיוָוארְפְן אוֹיף דֶעם בַּארְג מִיסְט אוּן פַּאסְקִיטְצְווֶע פוּן זַיין עֶסִין אוּן טְרִינְקֶען. אִיז דָאס פוּן אִים אַזוֹי פִיל מִיסְט אוּן טִינוּף אוֹיף דֶעם בַּארְג.

**נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה.** וָוארִין פוּן אֵיין מֶענְטְשְׁן זָאל אַזוֹיפִיל מִיסְט זַיין. אַזוֹי אִיז דָאס אוֹיךְ (דְהַיְינוּ אַזוֹי אִיז דֶער מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר טְרָאגְט אוֹיף זַיין מוֹחַ אַזוֹי פִיל מֶענְטְשְׁן וְכוּ').

**אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט.** עֶר הָאט דִי זַאךְ פוּן מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָוארִין עֶר הָאט אַ שְׁטִיקִיל מְדִינָה. וָואס סֶע גִיט אוֹיס זֵייעֶר אַ סַאךְ פֵּירוֹת דֶערְנָאךְ בַּארֶעכִינְט מֶען דִי פֵּירוֹת וָואס דִי מְדִינָה גִיט אוֹיס.

**זֶעהְט מֶען אַז דִי מְדִינָה הַאלְט גָאר נִיט** אַזוֹי פִיל אָרְט וִויפִיל דִי פֵּירוֹת בַּאדַארְפִין פַארְנֶעמֶען. סֶע גָאר אַזוֹי פִיל אָרְט אִין דֶער מְדִינָה נִיט דָא וִויפִיל דִי פֵּירוֹת בַּאדַארְפִין פַארְנֶעמֶען. נִמְצָא אִיז זִיךְ דָאס אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. (דְהַיְינוּ אַ בִּיסְל אָרְט הַאלְט אַזוֹי פִיל) זֶענֶען זַיינֶע רֵייד גִיפֶעלִין זֵיי. אַז דָאס אִיז בְּוַודַּאי אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה.

**אֵיינֶער הָאט גִיזָאגְט.** בַּאֲשֶׁר עֶר הָאט אֵיין פַּרְדֵס (דְהַיְינוּ אַ גָארְטִין) זֵייעֶר אַ ווֹאוֹילִין וָואס סֶע אִיז דָארְט דָא פֵּירוֹת וְכוּ' פָארִין אַהִין זֵייעֶר פִיל מֶענְטְשְׁן אוּן שָׂרָרוֹת. וָוארִין סֶע אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶער פַּרְדֵס. אוּן אַז סֶע קוּמְט זוּמֶער פָארִין אַהִין זֵייעֶר פִיל מֶענְטְשְׁן אוּן שָׂרָרוֹת זִיךְ שְׁפַּאצִירִין דָארְט.

**אוּן צוּם אֱמֶת אִיז דָארְט אִין דֶעם גָארְטִין.** גָאר נִיט פַארְהַאנְדִין אַזוֹי פִיל אָרְט אַז סֶע זָאל קָאנֶען הַאלְטִין אַזוֹי פִיל מֶענְטְשְׁן. אִיז זִיךְ דָאס אַ מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. אִיז דֶער אוֹיךְ גִיפֶעלְן זֵיי.

**אֵיינֶער הָאט גִיזָאגְט.** אַז זַיין דִיבּוּר אִיז אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָוארִין עֶר אִיז אֵיין סֶעקְרֶיטַאר בַּיי אַ גְרוֹיסִין מֶלֶךְ.

אוּן צוּ דֶעם מֶלֶךְ קוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְשְׁן. דֶער קוּמְט מִיט שְׁבָחִים צוּם מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ זֵיי זָאגִין אִיטְלִיכֶער אַ לוֹיבּ צוּם מֶלֶךְ) דֶער קוּמְט מִיט בַּקָשׁוֹת צוּם מֶלֶךְ. אוּן אַזוֹי דֶעסְט גְלַייכִין. אוּן דֶער מֶלֶךְ קָאן בְּוַודְאַי נִיט דָאס אַלְץ אוֹיסְהֶערִין.

**נֶעם אִיךְ צוּם אוֹיף** אַלֶע זֵייעֶרֶע רֵייד אִין עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער נָאר. אוּן אִיךְ דֶערְצֵייל דֶעם מֶלֶךְ. נָאר עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער. אִיז דְרִינֶען כָּלוּל אַלֶע שְׁבָחִים אוּן אַלֶע בַּקָשׁוֹת זֵייעֶרֶע אוּן גָאר זֵייעֶרֶע רֵייד קוּמֶען אַלֶע אַרַיין אִין דִי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער מַיינֶע וָואס אִיךְ דֶערְצֵייל דֶעם מֶלֶךְ. נִמְצָא אִיז זִיךְ מַיין דִיבּוּר אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה.

**אֵיינֶער הָאט גִיזָאגְט.** זַיין שְׁתִיקָה (דְהַיְינוּ זַיין שְׁוַוייגִין) אִיז מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. וָוארִין עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מְקַטְרִיגִים אוּן בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע וָואס זֵיי רֵיידִין אוֹיף אִים זֵייעֶר פִיל. וָוארִין מֶע קְרִיגְט אוֹיף אִים אוּן מֶע רֶעט אוֹיף אִים זֵייעֶר אַסַאךְ. אוּן וָואס מֶע רֶעט אוֹיף אִים אוּן מֶע קְרִיגְט אוֹיף אִים.

**אוּן וָואס מֶע זָאגְט אוֹיף אִים. טוּט עֶר אֵיין שְׁוַוייג.** אִיז דָאס אַ תִּירוּץ אוֹיף אַלֶע קַשְׁיוֹת אוּן אוֹיף אַלֶע רֵיידִיכְץ וָואס מֶע רֶעט אוֹיף אִים. אוּן נָאר מִיט זַיין שְׁוַוייג פַארֶענְטְפֶערְט עֶר אַלְץ. נִמְצָא אִיז זַיין שְׁתִיקָה אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה.

**אֵיינֶער הָאט גִיזָאגְט.** עֶר אִיז אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. וָוארִין סֶע אִיז פַאר הַאנְדִין אֵיין אָרִימַאן אוּן דֶער אָרִימַאן אִיז אַ סַגֵי נְהוֹר. אוּן אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער. אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר אַ קְלֵיינֶער.

**אוּן עֶר פִירְט דֶעם גְרוֹיסִין אָרִימַאן דֶעם סַגֵי נְהוֹר.** נִמְצָא אִיז עֶר זִיךְ אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה וָוארִין דֶער סַגִי נְהוֹר וָואלְט זִיךְ גִיקָאנְט אוֹיסְגְלִיטְשְׁן אוּן פַאלִין. אוּן עֶר דֶערְהַאלְט אִים מִיט דֶעם וָואס עֶר פִירְט אִים. אִיבֶּער דֶעם אִיז עֶר אַ מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. וָוארִין עֶר אִיז אַ קְלֵיינֶער מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הַאלְט דֶעם גְרוֹיסִין סַגֵי נְהוֹר.

**אוּן אִיךְ בִּין דָארְטִין אוֹיךְ גִיוֶועןְ.** (דְהַיְינוּ דֶער הוֹיקֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ). הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָן גִירוּפִין סֶע אִיז אֶמֶת. אַז אִיר הָאט דִי זַאךְ פוּן מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. אוּן אִיךְ וֵוייס וָואס אִיר אַלֶע הָאט גִימֵיינְט. (דְהַיְינוּ דִי אַלֶע וָואס אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. וֵוייסְט עֶר וָואס אִיטְלִיכֶע הָאט גִימֵיינְט) אוּן אַפִילוּ דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר פִירְט דֶעם גְרוֹיסִין סַגֵי נְהוֹר. אִיז עֶר גְרֶעסֶער פוּן אַייךְ אַלֶע.

**לוּשְׁמִיר אִיךְ בִּין נָאךְ גְרֶעסֶער** הֶעכֶער פוּן אַייךְ אַלֶע וָוארִין דֶער וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר פִירְט דֶעם גְרוֹיסִין סַגֵי נְהוֹר. מֵיינְט עֶר. עֶר פִירְט דֶעם גַלְגַל הַיָרֵחַ. (דְהַיְינוּ דֶעם הִימִיל וָואס דִי לְבָנָה אִיז דָארְט) וָוארִין דִי לְבָנָה הֵייסְט אַ סַגֵי נְהוֹר. וָוארִין זִי לַייכְט נִיט פוּן זִיךְ אַלֵיין וְכוּ'.

**אוּן דֶער פִירְט דִי לְבָנָה.** חָאטְשֶׁע עֶר אִיז אַ קְלֵיינֶער אוּן דֶער גַלְגַל פוּן דֶער לְבָנָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן דָאס אִיז אַ קִיוּם פוּן גָאר דֶער וֶועלְט. (כְּלוֹמֶר דוּרְךְ דֶעם הָאט גָאר דִי וֶועלְט אַ קִיוּם) וָוארִין דִי וֶועלְט בַּאדַארְף זִיךְ דִי לְבָנָה.

**נִמְצָא אִיז דֶער בְּוַודְאַי אַ רֶעכְטֶער מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה.** לוּשְׁמִיר אָבֶּער מַיין מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה אִיז הֶעכֶער גָאר פוּן אַלֶע.

**וְהָא רַאְיָה.** וָוארִין אַמָאל אִיז גִיוֶועןְ אַ כִּיתָּה. וָואס זֵיי הָאבִּין גִיקְלֶערְט. בַּאֲשֶׁר אִיטְלִיכֶע חַיָה הָאט זִיךְ אִיר צֵל (דְהַיְינוּ אִיר סָאטִין). וָואס נָאר אִין דֶעם סָאטִין דַוְוקָא. וִויל זִי דָארְט זַיין. אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ אִיטְלִיכֶע חַיָה אִיר סָאטִין בַּאזוּנְדֶער.

**וָוארִין אִיטְלִיכֶע חַיָה קְלוֹיבְּט זִיךְ אוֹיס** אַ סָאטִין אוּן אִין דֶעם סָאטִין דַוְוקָא וִויל זִי נָאר רוּעֶן. אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכֶעס עוֹף הָאט זִיךְ זַיין צְוַוייג. וָואס אוֹיף דֶעם צְוַוייג דַוְוקָא וִויל דָאס עוֹף רוּעֶן.

**אוּן אוֹיף קֵיין אַנְדֶערֶע צְוַוייג נִיט.** אוּן דָאס אַנְדֶערֶע עוֹף הָאט זִיךְ אֵיין אַנְדֶערֶע צְוַוייג וָואס נָאר דָארְט רוּט עֶס. אוּן אוֹיף אֵיין אַנְדֶערֶע צְוַוייג נִיט. אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכְס עוֹף. הָאט זִיךְ אַלְץ זַיין צְוַוייג דַוְוקָא.

**אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין דִי כִּיתָּה גִיקְלֶערְט.** אוֹיבּ סֶע גִיפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ בּוֹים. וָואס אִין זַיין סָאטִין זָאלִין רוּעֶן אַלֶע חַיוֹת. וָואס אַלֶע חַיוֹת זָאלִין וֶועלִין רוּעֶן אִין דֶעם סָאטִין פוּן דֶעם בּוֹים. אוּן אוֹיף דִי צְוַוייגִין פוּן דֶעם בּוֹים. זָאלִין רוּעֶן אַלֶע עוֹפוֹת.

**הָאבִּין זֵיי דֶערְקְלֶערְט אַז סֶע גִיפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ בּוֹים.** הָאבְּן זֵי גִיוָואלְט אַהִין גֵיין צוּ דֶעם בּוֹים. וָוארִין דֶער תַּעֲנוּג וָואס סֶע אִיז דָארְט בַּיי דֶעם בּוֹים דָאס הָאט גָאר קֵיין שִׁיעוּר נִיט.

**וָוארִין דָארְט אִיז פַארְהַאנְדִין** אַלֶע חַיוֹת מִיט אַלֶע עוֹפוֹת. אוּן דָארְט אִיז קֵיין שׁוּם הֵיזֶק נִיט פַארְהַאנְדִין פוּן קֵיין שׁוּם חַיָה. (כְּלוֹמֶר קֵיין שׁוּם חַיָה אִיז דָארְט נִיט מַזִיק קֵיינֶעם) אוּן אַלֶע חַיוֹת זֶענֶען דָארְט אַלֶע אוֹיס גִימִישְׁט. זֵיי אַלֶע שְׁפִּילִין זִיךְ דָארְט אוּן סֶע אִיז בְּוַודְאַי זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער תַּעֲנוּג צוּ זַיין דָארְט בַּיי דֶעם בּוֹים.

**הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ קְלֶערִין** ווירימיר מֶע בַּאדַארְף צוּ גֵיין אַז מֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים. **אִיז גִיוָוארִין צְווִישְׁן זֵיי אַ מַחְלוֹקֶת אִין דֶער זַאךְ.** אוּן סֶע אִיז צְווִישְׁן זֵיי נִיט גִיוֶוען קֵיין מַכְרִיעַ. וָוארִין דֶער הָאט גִיזָאגְט. אַז מֶע בַּאדַארְף גֵיין אַהֶער אִין דֶער זַייט קֵיין מִזְרָח. **אוּן דֶער הָאט גִיזָאגְט.** קֵיין מַעֲרָב זַייט בַּאדַארְף מֶען גֵיין. אוּן דֶער הָאט גִיזָאגְט אַהֶער. אוּן דֶער אַהֶער. **בִּיז זֵיי הָאבִּין נִיט גִיקֶענְט ווִיסִין דֶעם רֶעכְטִין וֶועג.** ווירימיר מֶע בַּאדַארְף צוּ גֵיין. **אַז מֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים.**

**אִיז גִיקוּמֶען אַ חָכָם אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט.** וָואס קְלֶערְט אִיר. דוּרְךְ וֶועלְכֶער זַייט מֶע בַּאדַארְף צוּ גֵיין צוּ דֶעם בּוֹים. קְלֶערְט פְּרִיר. וֶוער סֶע זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זָאלִין קֶענֶען קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים. וָוארִין צוּ דֶעם בּוֹים קָאן נִיט אִיטְלִיכֶער קוּמֶען. וָוארִין צוּ דֶעם בּוֹים קָאן מֶען נִיט קוּמֶען. נָאר דֶער וָואס עֶר הָאט דִי מִדּוֹת פוּן דֶעם בּוֹים.

**וָוארִין דֶער בּוֹים הָאט דְרַייא שָׁרָשִׁים** (דְהַיְינוּ דְרַיי וָוארְצְלִין) אֵיין שׁוֹרֶשׁ אִיז אֱמוּנָה. (אַז מֶע זָאל גְלֵייבִּין אִין גָאט ב"ה) אוּן דֶער אַנְדֶערֶער שׁוֹרֶשׁ אִיז יִרְאָה. אוּן דֶער דְרִיטֶער שׁוֹרֶשׁ אִיז עֲנִיווּת (דְהַיְינוּ מֶע זָאל פוּן זִיךְ נִיט הַאלְטִין) אוּן אֱמֶת אִיז דֶער גוּף פוּן דֶעם בּוֹים דְהַיְינוּ דֶער בּוֹים אַלֵיין אִיז אֱמֶת.

**אוּן פוּן דָארְט גֵייעֶן אַרוֹיס צְווַייגִין.** אִיבֶּער דֶעם קָאן קֵיינֶער נִיט קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים נָאר דֶער וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ דִי מִדּוֹת פוּן דֶעם בּוֹים (דְהַיְינוּ אֱמוּנָה עֶר זָאל גְלֵייבִּין אִין גָאט אוּן יִרְאָה עֶר זָאל מוֹרָא הָאבִּין פַאר גָאט. אוּן עֲנִיווּת. עֶר זָאל פוּן זִיךְ גָאר נִישְׁט הַאלְטִין. אוּן אֱמֶת) (אַזוֹי הָאט דֶער חָכָם גִיזָאגְט צוּ דֶער כִּיתָּה)

**דִי כִּיתָּה הָאבִּין אָבֶּער נִיט אַלֶע גִיהַאט דִי מִדּוֹת.** נָאר אַ טֵייל פוּן זֵיי הָאבִּין אִין זִיךְ גִיהַאט דִי מִדּוֹת הַנַּ"ל. אִיז אָבֶּער צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיס אַחְדוּת (דְהַיְינוּ דִי כִּיתָּה הָאבִּין זִיךְ אַלֶע לִיבּ גִיהַאט אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר גִיהַאלְטִין אִין אֵיינֶעם)

**הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִיט גִיוָואלְט אָפְּטֵיילִין אֵיינְס פוּן דֶעם אַנְדֶערְן.** אַז אַ טֵייל זָאלִין יוֹא גֵיין צוּם בּוֹים (דְהַיְינוּ דִי וָואס זֵיי הָאבִּין שׁוֹין יוֹא דִי מִדּוֹת פוּן דֶעם בּוֹים) אוּן דִי אִיבְּרִיקֶע זָאלִין בְּלַייבִּין.

**הָאבִּין זֵיי דָאס נִיט גִיוָואלְט.** וָוארִין זֵיי הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר גִיהַאלְטִין אִין אֵיינֶעם. נָאר מֶע מוּז וַוארְטִין. בִּיז אַלֶע זָאלִין זִיךְ דֶער הַארִיוֶוען צוּ דִי מִידּוֹת. כְּדֵי זֵיי זָאלִין אַלֶע קָאנֶען קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים. הָאבִּין זֵיי אַזוֹי גִיטָאן אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהָארֶעוֶועט בִּיז זֵיי זֶענֶען אַלֶע גִיקוּמֶען צוּ דִי מִדּוֹת הַנַּ"ל. (דְהַיְינוּ זֵיי הָאבִּין אַלֶע גִיוַוארְט אֵיינְס אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין בִּיז אַלֶע הָאבִּין זִיךְ דֶער הָארִיוֶועט. אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע גִיקוּמֶען צוּ דִי מִדּוֹת הַנַּ"ל דְהַיְינוּ זֵיי הָאבִּין שׁוֹין אַלֶע גִיהַאט אֱמוּנָה אוּן יִרְאָה וְכוּ' כַּנַּ"ל)

**ווִי זֵיי זֶענֶען אַלֶע גִיקוּמֶען צוּ דִי מִדּוֹת.** אַזוֹי זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע גִיקוּמֶען אוֹיף אֵיין דֵיעָה. אוּן זֵיי הָאבִּין אַלֶע מַסְכִּים גִיוֶוען אוֹיף אֵיין וֶועג. אַז מִיט דֶעם וֶועג בַּאדַארְף מֶען גֵיין צוּ דֶעם בּוֹים. זֶענֶען זֵיי אַלֶע גִיגַאנְגֶען.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אַ צַייט.** בִּיז זֵיי הָאבִּין שׁוֹין גִיזֶעהְן דֶעם בּוֹים פוּן וַוייטִין. דֶערְוַוייל טוּעֶן זֵיי אַ קוּק. שְׁטֵיט גָאר דֶער בּוֹים אוֹיף קֵיין אָרְט נִיט. וָוארִין דֶער בּוֹים הָאט גָאר קֵיין אָרְט נִיט. אוּן אַז עֶר הָאט גָאר קֵיין אָרְט נִיט. ווִי אַזוֹי קָאן מֶען צוּ אִים קוּמֶען. אוּן אִיךְ (דְהַיְינוּ דֶער הוֹיקֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) בִּין דָארְט אוֹיךְ גִיוֶוען מִיט זֵיי. הָאבּ אִיךְ מִיר אָנְגִירוּפִין צוּ זֵיי. אִיךְ קָאן אַייךְ יוֹא בְּרֶענְגֶען צוּ דֶעם בּוֹים. וָוארִין דֶער בּוֹים הָאט גָאר קֵיין אָרְט נִיט. וָוארִין דֶער בּוֹים אִיז לְמַעְלָה מֵהַמָּקוֹם (כְּלוֹמַר עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְט פוּן דֶער וֶועלְט. עֶר הָאט גָאר קֵיין אָרְט נִיט)

**אוּן דִי זַאךְ פוּן מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה.** אִיז זִיךְ נָאךְ אִין דֶעם אָרְט. וָוארִין חָאטְשֶׁע סֶע אִיז מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. דְהַיְינוּ אַבִּיסְל אָרְט הַאלְט פִּיל מֶער אֵיידֶער אוֹיף דֶעם אָרְט קָאן זִיךְ שְׁטֶעלִין.

**פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט.** אִיז זִיךְ דָאס נָאךְ אִין דֶעם אָרְט וָוארִין סֶע פַארְנֶעמְט זִיךְ נָאךְ פָּארְט עַל כָּל פָּנִים עֶפֶּעס אֵיין אָרְט. אוּן אִיךְ (דְהַיְינוּ דֶער הוֹיקֶער) **הָאבּ אַזוֹי אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָואס דֶער מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. אִיז שׁוֹין גָאר דֶער עֶק פוּן דֶעם אָרְט.** וָואס פוּן דָארְט הֶעכֶער. אִיז שׁוֹין גָאר קֵיין אָרְט נִיט פַארְהַאנְדִין.

**אִיבֶּער דֶעם קָאן אִיךְ אַייךְ טְרָאגִין** אַלֶע צוּ דֶעם בּוֹים וָואס עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְט. (וָוארִין דֶער הוֹיקִיר אִיז אַזוֹי ווִי אַ מְמוּצָע דְהַיְינוּ אִין מִיטִין צְווִישִׁין אָרְט אוּן צְווִישִׁין הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְט וָוארִין עֶר אִיז אַזוֹי אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָואס סֶע אִיז גָאר דֶער עֶק פוּן דֶעם אָרְט. וָואס פוּן דָארְט הֶעכֶער אִיז שׁוֹין גָאר קֵיין שׁוּם אָרְט נִיט פַארְהַאנְדִין. אִיבֶּער דֶעם קָאן דֶער הוֹיקֶער זֵיי אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם אָרְט אוּן זָאל זֵי טְרָאגִין צוּ הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְט). הָאבּ אִיךְ זֵיי גִינוּמֶען אוּן הָאבּ זֵיי אִיבֶּער גִיטְרָאגִין צוּ דֶעם בּוֹים.

**נִמְצָא הָאבּ אִיךְ אַ הַסְכָּמָה.** אַז אִיךְ הָאבּ אַזוֹי אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. (אוּן אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר אַ פָּנִים ווִי אַ הוֹיקֶער. וָוארִין עֶר טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ פִּיל וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה) **הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס דַאזִיגֶע בְּמַתָּנָה אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ**

# אִיז דָארְט גִיוָוארִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה.

# געווינער אויף די בחינות איז:

# הילד החשוב יהודא לייב כהן, בית שמש , (זיבן בעטלערס 4)

מען קען אפנעמען די מתנה ביים משגיח ר' יואל יאראוויטש פון חדר ברסלב בית שמש

## צו ענטפערן די בחינות און ארייננגיין אינעם גורל,

## 02-5-3333-72

## 646-585-3040

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די דרייצנטע מעשה (6) - פון די זיבן בעטלירס

**א. װעלכע סארט פלייצעס האט דער בעטלער דער הויקער?**

- ❑ שװאכע פלייצעס
- ❑ צובראכענע פלייצעס
- ❑ פלייצעס װאס זענען מועט מחזיק את המרובה

**ב. דער װאס האט זיך בארימט אז זיין מח איז מועט מחזיק את המרובה, האט מען מקבל געװען זיינע װערטער?**

- ❑ יא, מ'האט מקבל געװען זיינע װערטער
- ❑ מ'האט געלאכט פון אים
- ❑ מ'איז זייער נתפעל געװארן פון אים

**ג. צו װעלכע מיעוט מחזיק את המרובה האט איינער צוגעגליכנט דער װאס האט זיך בארימט מיט זיין מח?**

- ❑ צו דער מענטש װאס זיצט נעבן א בארג מיסט און טינוף װאס קומט פון איס
- ❑ צו די מדינה װאס גיבט ארויס אסאך פירות
- ❑ צו די גארטן װאס שפאצירן דארטן מער מענטשן פון װיפיל פלאץ ס'איז דא

**ד. מיט װאס האט זיך דער צװייטער בארימט?**

- ❑ אז ער האט א שטיקל מדינה װאס ס'גיט ארויס מער פירות פון װיפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער האט א גארטן װאס קומען דארט מער מענטשן פון װיפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער איז א סעקרעטאר ביי א גרויסע מלך און נעמט צוזאם אלעמענס װערטער צום קעניג אין אייניציגע װערטער

**ה. מיט װאס האט זיך דער דריטער בארימט?**

- ❑ אז ער האט א שטיקל מדינה װאס ס'גיט ארויס מער פירות פון װיפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער האט א גארטן װאס קומען דארט מער מענטשן פון װיפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער איז א סעקרעטאר ביי א גרויסע מלך און נעמט צוזאם אלעמענס װערטער צום קעניג אין אייניציגע װערטער

**ו. מיט װאס האט זיך דער פערטער בארימט?**

- ❑ אז ער האט א שטיקל מדינה װאס ס'גיט ארויס מער פירות פון װיפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער האט א גארטן װאס קומען דארט מער מענטשן פון װיפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער איז א סעקרעטאר ביי א גרויסע מלך און נעמט צוזאם אלעמענס װערטער צום קעניג אין אייניציגע װערטער

**ז. מיט װאס האט זיך דער פיפטער בארימט?**

- ❑ אז זיין שװייגן איז א מועט מחזיק את המרובה
- ❑ אז ער איז א קליינער װאס פירט דעם גרויסן ארימאן דער סגי נהור
- ❑ ביידע תשובת זענען ריכטיג

**ח. מיט װאס האט זיך דער זעקסטער בארימט?**

- ❑ אז זיין שװייגן איז א מועט מחזיק את המרובה
- ❑ אז ער איז א קליינער װאס פירט דעם גרויסן ארימאן דער סגי נהור
- ❑ ביידע תשובת זענען ריכטיג

***ט. שאלת חכמה: איז ביי די שמועס געפעלן די אלע װאס האבן זיך בארימט מיט "מיעוט מחזיק את המרובה"?***

- ❑ *יא*
- ❑ *ניין*
- ❑ *אלע האבן געפעלן חוץ דער ערשטער*

**י. אויף װעמען זאגט דער בעטלער אז ער איז גרעסער פון אלע?**

- ❑ אויף דעם פון דעם גארטן
- ❑ אויף דעם סעקרעטאר
- ❑ אויף דעם קליינעם װאס פירט דעם סגי נהור

**יא. איז דא א בוים װאס אלע חיות און עופות רוען דארט?**

- ❑ ס'איז דא א בוים װאס אלע חיות רוען דארט
- ❑ ס'איז דא א בוים װאס אלע חיות און עופות רוען דארט
- ❑ א חלק האבן געזאגט אז עס איז דא, און א חלק נישט

**יב. האבן זיי גלייך געװאוסט דעם װעג צום בוים?**

- ❑ א חלק האבן געזאגט אז די װעג איז פון מזרח, און א חלק פון מערב
- ❑ אלע האבן געזאגט אז די װעג איז פון מערב
- ❑ אלע האבן געזאגט אז די װעג איז פון מזרח

**יג. װער קען קומען צו דער בוים?**

- ❑ װער ס'האט אמונה און יראה
- ❑ װער ס'האט עניװת און אמת
- ❑ װער ס'האט אמונה און יראה, עניװת און אמת

**יד. אלע פון די כתה האבן געהאט די מידות צו קומען צום בוים?**

- ❑ אלע האבן גלייך געהאט, נאר זיי האבן נישט געװאוסט די װעג
- ❑ א חלק האבן געהאט די מידות און זיי זענען אליין געגאנגען
- ❑ די װאס האבן געהאט די מידות האבן געװארט אז אלע זאלן האבן די מידות

**טו. װאס איז די מועט מחזיק את המרובה פון דעם בעטלער?**

- ❑ אז ער קען זיי ברענגען צו דעם בוים
- ❑ אז ער קען פירן דעם גרויסן ארימאן
- ❑ אז ער האט א שטיקל מדינה װאס איז א מיעוט מחזיק את המרובה

***טז. װאס לערנסטו זיך פון די מעשה פון דעם טאג?***

- ❑ *די גרויסקייט פון אחדות*
- ❑ *די גרויסקייט פון אמת אמונה ענוה און יראה*
- ❑ ______________________.

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 2

הָאט ער גענוּמען נָאר אַבִּיסל. אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט ווִי אַ שְׁטֵיין אִיז אַרָאפּ פוּן זֵייעֶר הַארְץ צוּ בַּאצָאלְן כָאטְשִׁיג אַ קְלֵיין טֵייל פוּן זֵייעֶר הַלְוָאָה. מִיט דֶער צַייט הָאט שׁוֹין ר' אַבְרָהָם גֶעהַאט אָנְגֶעקְלִיבְּן אַ פַאנְטַאסְטִישֶׁע סוּמֶע גֶעלְט וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעגֶעבְּן פַאר ר' גֶעצְל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵּייגָא בֶּן שִׂמְחָה, בְּרֶענְגְט דֶעם אוֹיבֶּערְדֶערְמַאנְטְן מָשָׁל מִיט דִי פָאלְגְנְדֶע נִמְשַׁל:

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שֶׁענְקְט פַארְן מֶענְטְשׁ אָן אַ שִׁיעוּר טוֹבוֹת וָואס עֶר ווִיל מֶען זָאל אִים בַּאצָאלְן. אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט וָואס אִיז זַיין תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר גֶענִיסְט פוּן דִי פוּלֶע גוּטְס אָן צוּ בַּאצָאלְן אֲפִילוּ אַ קְלֵיין בִּיסְל פוּן דִי חוֹבוֹת.

זָאגְט מֶען פַאר דֶעם אִיד, "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט בַּאצָאלְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער פַאר דִי אוּמְצָאלִיגֶע גוּטְס אוּן טוֹבוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעטוּן, אָבֶּער וָואס דוּ קֶענְסְט יָא טוּן אִיז צוּ רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע אִידְן, צוּ דַיינֶע חֲבֵרִים אוּן נָאנְטֶע אוּן זֵיי עֶרְוֶועקְן אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ דַאנְקְן אוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. ווִי מֶער אִידְן וֶועלְן ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט וֶועלְכֶער אִיז דֶער גְרוֹיסֶער פַארְבָּארְגֶער אוּן עֶר אִיז דֶער וָואס פַארְבָּארְגְט אוּנְז דִי אַלֶע גוּטֶע מַתָּנוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז דָאס דִי בֶּעסְטֶע בַּאצָאלוּנְג וָואס מִיר גֶעבְּן צוּרִיק פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

אִין קוּרְצְן: וֶוען דוּ רֶעדְסְט צוּ דִיר אַלֵיין בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת אוּן וֶוען דוּ רֶעדְסְט צוּ דַיין חָבֵר, דַיינֶע גֶעשְׁוִוסְטֶער, דַיינֶע קְרוֹבִים, דֶערְמַאן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען, זָאג: "גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ הַיינְט בַּאקוּמֶען גֶעזוּנְט, אַ גוּטֶע חֵדֶר, אַ גֶעשְׁמַאקֶע מָאלְצַייט, אַ לוּפְּטִיגֶע וֶועטֶער, א.א.וו אַלֶעס קוּמְט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וֶועט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע קֵייטְל פוּן הוּנְדֶערְטֶער אִידְן וָואס וֶועלְן דַאנְקְן אוּן צוּרִיקְצָאלְן זֵייעֶר חוֹבוֹת וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זֵיי פַארְבָּארְגְט!

ר' נָתָן אִין זַיין שְׁפְּרַאךְ זָאגְט אַז אַ אִיד דַארְף זַיין אַ קָנֶעכְט פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶע סָארְטְן צְדָקָה אוּן חֶסֶד פַאר אַנְדֶערֶע, מְקָרֵב זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכַאמָאל, אָבֶּער דֶער אִיד הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר גְרֵייט אַלֶעס צוּ טוּן מִיט אַ בִּיטוּל אוּן אַ תְּמִימוּת, אַזוֹי קֶען דֶער אִיד גְרֵייכְן אוּן בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט דִי גְרֶעסְטֶע מַתָּנוֹת אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגוֹת בִּיז מֶען לָאזְט אִים אַרַיין אִין אַזֶעלְכֶע בַּאהַאלְטֶענֶע אוֹצָרוֹת וָואס אֲפִילוּ אַ קִינְד פוּן דֶעם גְרוֹיסְן קֶענִיג לָאזְט מֶען דָארְט נִישְׁט אַרַיין, אָבֶּער מֶען דַארְף נָאכְאַלְץ בְּלַייבְּן דֶעם פָּשׁוּט'ער עֶבֶד וָואס דִינְט זַיין הַאר.

